# מיר אידען
# און די „שלום־קאנפערענץ"

## די אמעריקאנער קאנגרעס־באוועגונג.

ווילנע, תרע"ז.
פארלאג „צעירי ציון".

דרוקעריי פ. גארבער ווילנא.

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

751

Digitized by the Internet Archive
in 2016 with funding from
Boston Public Library

https://archive.org/details/miridenundishole00unse

פאַר פינף וואָכען האָבען זיך אַ סך פון אייך צוזאַמענגעקליבען אין דעמזעלבינען זאַל, כּדי צו באַטראַכטען דעם אומגליק פון די אידען, וואָס געפינען זיך אין די מלחמה־געגענטען, און כּדי זיי צו העלפען דורך געהעריגע מיטלען. היינטיגע וואָך זאַל, אַלס אַ ענטפער אויף דעם אויפרוף פון אונזער פּרעזידענט, אויסגעפירט ווערען אַ באַזונדערע אונטערנעמונג צו שאַפען געלט פאַר דעם צוועק. די נויט דריקט. ס׳האַגרעלט זיך וועגען לעבען און טויט. ס׳ליגט אויף יעדערן אַ חוב גיך און מיט אַ ברייטע האַנט צו העלפען. יעדערער פון אייך ווייס דאָס געוויס טאָן. וואָרום איר דאַרפט געדענקען, אַז ניט קוקענדיג אויף די אַלע גרויסע סומעס געלט. וועלען נאָך אויך וייטער טויזענטער פון אונזערע ברידער שטיין פאַר אַ סכּנה פון הונגער.

אָבער ווען אפילו מיר זאָלען שוין געבען געלט גאָר מיט אַ אָפענע האַנט, וועלען מיר פונדעסטוועגען ערפילען אין אָט דעם גרויסען קריזיס נאָר איין טייל פון אונזער חוב, כּל־זמן מיר וועלען שטרעבען נאָר צו פאַרגרינגערן די צרות פונ׳ם איינציגען אידען, אנשטאָט צו מאַכען אַ סוף מיט׳ן עלענט פונ׳ם אידעשען פאָלק. מיר וועלען ניט זיין בכח צו באַקעמפען די איינציגע צרות, וואו ס׳וועט זיך אונז ניט איינגעבען אָפּצושאַפען די סיבה פון די צרות. און די עיקר־סיבה פון דעם אידעשען עלענט איז ניט די מלחמה. די מלחמה איז נאָר דער שטוס, וואָס האָט קלערער און בולט׳ער געמאַכט פאַר דער וועלט די שוין לאַנג פאַראַנענע נויט. די מלחמה האָט נאָר געווירקט ווי אַ פאַרגרעסערונגס־גלאָז, וואָס האָט די צרות אין אַ סך עדטער צען אָדער הונדערט־מאָל פאַרגרעסערט, אַזוי אַז נאָר אַ בלינדער זעהט

זיך געפונען בעת ס׳איז אויסגעבראכן די מלחמה, און האבן די איבע
בשעת דער מלחמה אין די הענט פונ׳ם הונגער-טויט. א חוץ דעם, האבן די אידען געהאט אויסצושטיין א סך צרות פון דער היימישער באפעלקערונג מחמת זייער פיינדליכער באהאנדלונג, וואס איז ארויסגערופען געווארען דורך פאראורטייל און ביטול.

אבער די מלחמה ברייננט דער גאנצער וועלט בכלל און די אידען בפרט צוזאמען מיט אירע שרעק אויך א טובה. ער נויט די וועלט צו זוכען לעצטע אמת׳ן, זיך צו פארנעמען מיט פרינציפען. מיר גארען נאך א שלום. אבער מיר הייבען אן צו פארשטיין, אז ניט אינטערנאציאנאלע קאנגרעסען און דיפלאמאטישע אונטערהאנדלונגען, און ניט אנטוואפענונג קענען זיכערען דעם שלום. שלום קען נאר אין אזא וועלט עקזיסטירען, וואו ס׳הערשען יושר און גינציגקייט.

יושר און גינציגקייט זיינען כולל אין זיך ניט נאר טאלעראנץ קעגען אונטערשיידען, נאר זיי זיינען א גאראנטיע פון פולע רעכט, ניט קוקענדיג אויף דעם אונטערשייד. ס׳מוז יושר און גינציגקייט הערשען ניט נאר צווישען יחידים, נאר אויך צווישען פארשיידענע פעלקער. אלע פעלקער מוזען האבען גלייכע רעכט.

אין די פריהערדיגע צייטען האט מען געגלויבט, אז די פולע אנטוויקלונג פון א פאלק מוז שוין פון זיך אליין מיטברייננגען זיין שליטה איבער אנדערע. שטארקע נאציעס זיינען נוטה צו דער איבערצייגונג, אז נאר דורך אזא שליטה פראגרעסירט די ציוויליזאציע. שטארקע נאציעס האלטען זיך גרויס מיט זייער איבערמאכט און מיינען, אז זיי באזיצען דאס געטליכע רעכט אונטערצווארפען אנדערע פעלקער אונטער זייער ממשלה. היינט גייט אריבער אט די אמונה אין דער עקזיסטענץ פון אזעלכע מיני רעכט אין א איבערצייגונג, אז ס׳איז גאר

אַ חוב דאָס בפועל ממש צו פאַרווירקליכען .

אָט די האַלטונג פון געוויסע נאַציעס איז געווען דער שטאַנדפּונקט , וואָס
די שטאַרקערע פלעגען תמיד אָננעמען בנוגע צו אַנדערע, איידער די דע=
אָקראַטיע איז געוואָרען פון אַלעמען אָנערקענט . די קאַמפען פון 18 און 19
יאָרהונדערט אין מלחמה= און שלום=צייט האָבען געבראַכט צו דער אָפּשאַפונג
פון אָט דעם שטאַנדפּונקט בנוגע צו יחידים . נאָכדעם, ווי ס׳זיינען פעסט=
געשטעלט געוואָרען פאַר יעדען איינציגען גלייכע רעכט אויף אַנטוויקלונג,
איז קלאָר געוואָרען, וואָס פאַר אַ אומבאַדינגטע באַגרעניצונג ס׳טראָגט אין זיך
אָט די גלייכבאַרעכטיגונג. יעדערער מעג זיך אַנטוויקלען, אָבער נאָר אויף אַזוי פיל,
אויף וויפיל ס׳וועט ניט קומען צו אַ סכסוך מיט דעם באַנוצען
זיך פון אַנדערע מיט דיזעלביגע רעכט. און אַזוי אַרום האָט
פרייהייט געקראָגען דעם טייטש פון האָבען רעכט צו שטרעבען נאָך גליק ,
אָבער נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל דער באַנוצען זיך מיט דעם רעכט וועט
זיין אין הסכם מיט דעם באַנוצען זיך פון דעם אייגענעם רעכט דורך יעדע
אַנדערען פון אונזערע מיטבירגער. אַ פרייהייט, וואָס איז באַגרענעצט אויף אַזאַ מין
אופן, איז דער יסוד פון דעם דעמאָקראַטישען 20 יאָרהונדערט . זי עקזיסטירט
אין אַ גרויסען טייל פון די מערב=מלוכות . און אַפילו דאָרטען, וואו אָט די אינ=
דיווידועלע גלייכבאַרעכטיגונג האָט נאָך ניט קיין באַדייטונג פון פּאָליטישע
אַ רעכט, ווערט די אָנערקענונג פון איר עטישען ווערט וואָס מערער פאַרשפּרייט.
די דעמאָקראַטיע האָט אָפּגעוואָרפען די אידייע פון׳ם איבערמענטשען, וואָס
טרעט פאָראויס איבער די קרבנות פון די מאַסעס . זי האַלט, אַז די פולע
אַנטוויקלונג פון יעדען איינציגען איז ניט נאָר אַ זכות, נאָר אויך אַ חוב בנוגע
צו דער געזעלשאַפט. און אַז אונזער גרעסטע האָפענונג אויף ציוויליזאַציע
ליגט ניט אין דער גלייכקייט פון פאָרמען, נאָר אין זייער דיפערענצירונג .

די באַוועגונגען פון׳ם לעצטען יאָרהונדערט האָבען באַוויזען, אַז גאַנצע נאַציעס
האָבען ניט קיין ווייניגער באַלט׳ע אינדיווידואַליטעט, ווי אַ איינציגער מענטש; אַז
אויף דער אינדיווידואַליטעט פון אַ פאָלק קען מען קיין צאַם ניט אַרויפלייגען ,
און אַז אַ שלעכט פאַרשטאַנענער אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס שטרעבט אָפּצומעקען
די אייגענאַרטיגקייט פון נאַציאָנאַליטעטען אָדער פעלקער, איז אַ אומטעגליכע
זאַך . דער נייער נאַציאָנאַליזם האַלט, אַז, אַזוי ווי דער אינדיווידיאום , האָט
אויך יעדע ראַסע און יעדער פאָלק דעם זכות און דעם חוב זיך צו אַנטוויקלען ,
און אַז נאָר דורך אַזאַ דיפערענצירטע אַנטוויקלונג קען ווערען דערגרייכט אַ

הויכע ציוויליזאַציע. ערשט בשעת אָט די פּרינציפּען פונ׳ם נאַציאָנאַליזם וועלען ווערען אומעטום אָנגענומען, אַזוי ווי ס׳זיינען געוואָרען אָנגענומען די פּרינציפּען פונ׳ם דעמאָקראַטיזם, וועט די פרייהייט פולשטענדיג דערגרייכט ווערען, און מיעוטים (מינדערהייטען) וועלען קריגען זייערע רעכט. ס׳איז פאַראַן אַ יסוד צו האָפען, אַז דער אָנגעמען פון אָט די פּרינציפּען וועט קומען אַלס איינער פון די גוטע רעזולטאַטען פון דער איצטיגער מלחמה. און צוזאַמען מיט דעם איז אויך דאָ אַ האָפנונג, אַז ס׳וועט פארענטפערט ווערען די אידעשע פּראָבלעם. ווארום די מלחמה האָט אויפגעוועקט די אידען, וואָס געפינען זיך אין אַ בעסערען מצב, פון זייער היג-הער-פלעט. זי ברייגנט זיי צו דער איבערצייגונג פון פונ-דאַמענטאַלע אמת׳ן, וואָס ס׳זיינען געווען פארטונקעלט דורך אַ דאגות-פולע פארגאַנגענהייט. לעבענדיג אינ׳ם משך פון אַלטצען-הונדערט-יאָריגען גלות אין פארשיידענע לענדער אַלס מיעוטים, אָפט זייענדיג אַוועקגעריסען דורכ׳ן שטראָם, ווי מענשליכע האָב-אַ׳ן-נוטס אויפ׳ן ברעג ים, צום קעסעל-גרוב, האָבען די אידען אָנגעהויבען צו אָפט צו באַטראַכטען זייער אומגליק פאַר אַ אומפארמיידליכען און זיך גופא — נאָר פאַר אינדיווידומען. די אינדיווידומען, וואָס ס׳איז זיי גוט געגאַנגען, האָבען געלעבט אין נחת, און די אַנדערע, זייענדיג גוגעוואוינט צו דאגות, זיינען געווען מוכן ומזומן אַריבערצוטראָגען פילאָזאָפיש די צרות, פון וועלכע ס׳איז זיי אויסגעקומען, אַז מ׳קען גאָרניט פּטור ווערען.

די וועלט-מלחמה האָט געבראַכט דערצו, אַז דער מורא׳דיגער מצב זאָל קלערער אַרויסטרעטען. ס׳זיינען אָנגעקומען שרעקלאַבע צרות, אָבער צוזאַמען מיט זיי האָפנונג און מוט. די ערוואַכונג האָט געבראַכט מיט זיך אויך דעם באַוואוסט-זיין, אַז די רעכט פונ׳ם אידעשען פאָלק קענען נאָר דאַן דערגרייכט ווערען, ווען מ׳זאָל גיין אויף דעמזעלביגען וועג, ווי אַלע אַנדערע פעלקער—אויף דעם וועג פון דער דעמאָקראַטיע, אויף וועלכען ער שטעלט-פעסט זיין פּרצוף פון זיין איינענער טובה וועגען. די דעמאָקראַטישע פאָדערונג איז ביי דער באַטראַכטונג פון דער אידעשער פּראָבלעם ניט קיין פאָרמאַליטעט, זי איז די עצם-זאַך. זי איז אַ אידעשע עיקר-קאָנצעפּציע, אַזוי ווי זי איז אויך דער יסוד פון די אַמעריקאַנער מעטאָדען. זי איז זיך סומך אויף דעם צוטרוי צו די מאָראַלישע אינסטינקטען פון אַ פאָלק, וואָס איז בכח צו פאָרמירען, פאַרפולקומען און פאַרהיטען זיין איינענעם לעבען.

צווישען טעאָדאָר הערצל׳ס אַרטיקלען בנוגע דער אידעשער פּראָבלעם געפינען זיך אַזעלכע אָנערקענונגען: 1) די אָנערקענונג פון דעם פונדאַמענטאַלען

פאַקט, אַז די אידען זיינען אַ פאָלק, א י י ן פאָלק. 2) די אָנערקענונג פון דעם פאָליטישען מצב, אַז די עמאַנציפּאַציע (באַפרייאונג) פון די אידען קען נאָר קומען דורך זיי גופא ד. ה. דורך דעמאָקראַטישע מיטלען.

אַז די אידען זיינען אַ פאָלק, איז געווען שוין לאַנג פאַר הערצלען אַ גוט באוואוסטער פאַקט; ער איז אָבער געווען פאַרשטיקט דורך דעם פילזייטיגען אינדיווידועלען קאַמף פאַר דעם אידעשען קיום. אַז די עמאַנציפּאַציע קען קומען נאָר דורך די אידען גופא, איז אויך נאָך פאַר הערצלען קלאָר באַוויזען געוואָרען, אָבער נאָר הערצל האָט די דעמאָקראַטישע מיטלען אָנערקענט פאַר אַן עצם-זאַך, דורכדעם וואָס ער האָט צוזאַמענגערופען דעם ערשטען קאָנגרעס.

ס'איז שוין אַכט חדשים, ווי ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרען די באַוועגונג פאַר'ן אַמעריקאַנער-אידישען קאָנגרעס. איינינגע קומט אויס, אַז די באַוועגונג גייט צו פּאַמעלאַך. אָבער, בעת מיר וועלען נעמען אין באַטראַכט די אַלע מניעות, וואָס מ'האָט געמוזט גובר זיין, וועלען מיר מוזען מודה זיין, אַז די באַוועגונג איז צוגעגאַנגען גראָד גיך. די צייט פון די וכוחים, וואָס איינינגע האָבען אָנגענומען פאַר קריגערייען, איז געווען גוט אייסגענוצט. די וכוחים האָבען ערצויגען די אַמעריקאַנער אידען, זיי האָבען זיי קלאָר געמאַכט די נויטיגקייט, דעם כאַראַקטער און דעם צוועק פון דעם קאָנגרעס. אַ וואָך נאָך אַ וואָך, וואָס ווייטער ס'איז געגאַנגען דער ערציהונגס-פּראָצעס, איז אַלץ מערער די אָפּאָזיציע געקומען צום שכל, און די פריהערדיגע געגנער האבען מודיע געווען, אַז זיי שטייען צו צו דער קאָנגרעס-אידייע.

אין די אַכט חדשים, זינט ס'איז באשטימט געוואָרען דער קאָנגרעס אָרגאַניזאַציאָנס-קאָמיטעט, האָבען—מיט איין אויסנאַם—1) — אַלע באַדייטענדע נאַציאָנאַל-אידעשע אָרגאַניזאַציעס געגעבען זייער הסכמה אויף אויפצורופען אַ קאָנגרעס. אין 72 שטעדט האָבען זיך געבילדעט אַלגעמיינע קאָמיטעטען, וואו—צום ערשטען מאָל אין משך פון דער גאַנצער היסטאָריע פונ'ם אַמעריקאַנער אידענטום—האָבען זיך פאַראייניגט די אַלע אידעשע לאָקאַל-אָרגאַניזאַציעס אין דער דעה צו פארענטפערן די אידעשע פּראָבלעם. ס'עקזיסטירען, אמת, נאָך חלוקי-דעות בנוגע צו די פונקציעס פונ'ם קאָנגרעס און בנוגע צו דער צייט און דעם אופן, ווי אים צוזאַמענצורופען. אָבער די עיקר-אידייע איז שוין אריבערגע-גאַנגען די סטאַדיע פון וכוחים. די אַמעריקאַנער אידען האָבען איר אָנגענומען,

1) „אמעריקאַן דזשואיש קאָמיטעט".

כדי ריכטיג אָפּצושאַצען די גרויסקייט פון דעם פאַקט, דאַרף מען געדיינקען, אַז ס'איז ערשט 18 יאָר, זינט דרעלעגירטע, וואָס האָבען פארטראָטען די אידען פון אַלע טיילען פון דער וועלט, האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אויף אַ אָפענעם קאָנגרעס צו באַטראַכטען די אידעשע פראָבלעם. דאָס איז געווען אויפ'ן באַזעלער קאָנגרעס, וואָס טעאָדאָר הערצל האָט צוזאַמענגערופען. הונדערטער יאָרען זיינען געווען די אידען גענייט דורך זייער מצב צו פארלאָזען זייערע אייגענע דעמאָקראַטישע טראַדיציעס, וואָס זיי האָבען געקראָגען בירושה פון זייערע זיידעס און וואָס האָבען זיך אויסגעדריקט אין אידעשען כלל-מהות, כדי צו זוכען שוץ ניט דורך די מעטאָדען פון פרייער, אָפענער דיסקוסיע און דער ערציהונג פון דער עפענטליכער מיינונג, נאָר דורך פארבאָרגענע און ניט-דירעקטע מיטלען: דורך שתדלנות פון יחידים, אמת'ע אָדער כלומר'שדיגע בעלי-השפעה. ווען מ'זאָל נעמען אין אַכט די מורא'דיגע קראַפט פון דער געקראָגענער רגילות און דעם פריהערדיגען צוואַנג פון די ניט-דירעקטע מעטאָדען, וועט אונז זיין גרינג צו פארשטיין דעם שטאַרק-אַרומטראַכטען אַפילו פון די פייאיגע און פאַסיגע פאַר סאָציאַלע אַרבעט מענער און פרויען, וואָס זיינען אַ לאַנגע צייט געווען קעגען דעם קאָנגרעס. ווארום זיי האָבען מורא געהאַט פאַר דער עפענטליכער דיסקוסיע פון דער אידעשער פראָבלעם, וואָס איז ביז-אַהער באהאַנדעלט געוואָרען נאָר צווישען זיך. די אָפּאָזיציע פון די קאָנסערוואַטיווע לייט, וואָס זיינען געוואוינט דורך זייער פאַראַנטוואָרטליכקייט-געפיל צו אַ גוזמא'דיגע פאָרזיכטיגקייט, איז געווען אַ נאַטירלאכע זאַך. זייערע טענות האָט מען מיט גרויס געדולד באַטראַכט. אָבער ס'איז געווען אויך קלאָר, אַז אַמעריקעס מאַטעריעלע הילף ביי דער דערגרייכונג פון אידישע רעכט וועט נאָר דורך אָט די כחות זיין מעגלאך, וואָס אַ אָפענער קאָנגרעס קען מאָביליזירען.

דער פעלען פון חלוקי-דעות הייסט נאָך ניט קיין אחדות. דער פעלען פון חלוקי-דעות קען אויך זיין אַ פועל-יוצא פון גלייכגילטיגקייט. אחדות איז דער טייטש אינטערעסירען זיך און נעמען אַן אָנטייל. ס'קען נעמאָלט זיין אַ איבער געבענקייט בנוגע צו די החלטות פון אַ פון-זיך-אַליין צוזאַמענגעשטעלטער איינריכטונג, וואָס איר עובדא איז צו שאַפען אַ פרייען פאָלק. ס'קען אָבער ניט פאָרקומען קיין אחדות ביי אַ אונטערנעמונג פון אַ פרייען פאָלק, כל-זמן די החלטות שטעלען מיט זיך ניט פאָר קיין אויפטו פונ'ם פאָלק, וואָס נעמט אַן אָנטייל אין אים דורך געזעצליך אויסגעקליבענע פאַרטרעטער.

וואָס עס ווערט פונ'ם אידישען פאָלק איצטער פאַרלאַנגט איז דאָס מעשים,

ניט איבערגעגעבענקייט. מיר מוזען זיך סטאַרענען מיט אַלע אונזערע כחות מאַכען אַ סוף צו די אַלע באַדינגונגען, וואָס האָבען די אידען די הונדערטער יאָרען, און ניט נאָר בשעת דער מלחמה, געבראַכט אומגליק און צרות.

אין זיין מצב איז דער אידעשער פאָלק ניט קיין בן-יחיד. די היסטאָריע פון די בעטען, פאָליאַקען און עטלאכע אַנדערע סלאַווישע פעלקער גיבען אינטערעסאַנטע פאַראַלעלען. און ביי אָט די אַלע נאַציעס לעבען איצטער האָפענונגען, אַז אין דער שלום-צייט, וואָס וועט קומען נאָך דער מלחמה, וועט מען מבטל זיין די עלעמענטאַרע אומגערעכטיגקייטען בנוגע צו זיי. מיר האָבען ניט נאָר ניט ווייניגער, נאָר אַפילו נאָך מערער קרבנות געבראַכט, ווי זיי, און ס'איז אַ יושר, אַז ס'זאָלען אויך בטל ווערען די אַלע עלעמענטאַרע אומגערעכטיגקייטען בנוגע צו אונז. מיר מוזען אָבער וועגען דעם אומרעכט, וואָס מ'טוט אונז, דערציילען אַ פריהער דער וועלט און זיין געגרייט דורכצופירען אַן אונטערנעמונג, וואָס דאַרף זיין אַ פועל-יוצא פון אונזער ערענסטען אַרום-קלערען און גרונטיגען פאַרשטיין פון דער סיטואַציע (לאַגע).

אָבער מיר קענען דאָס נאָר דאַן טאָן, אויב די אַמעריקאַנער אידען, ווילען טאַקע מיט אַן אמת מאַכען אַ סוף צו דעם מצב, און אויב זיי נעמען זיך אָן אויפצודריקען אָט דעם רצון זייערן דורך מעשים. אין וואָס זיי זאָלען באַשטיין די מעשים, הייגגט אָפּ פון שווערע און ערענסטע החלטות, ביי וועלכע ס'מוזען פאָרקומען חלוקי-דעות. די אידען זיינען אַ פאָלק פון דענקער און זיי האָבען אַ שטאַרקע נטיה צו פרייהייט. אויב מיר אונטערוואַרפען זיך אונטער די החלטות, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען פאַר אונז און ניט דורך אונז, איז דאָס נאָר מחמת דעם, וואָס פאַקטיש באַציהען מיר זיך צו דעריין גלייכ-גילטיג, און וואָס מיר גיבען ניט גענוג אַכטונג אויף דעם, אַז אין אַלע פאַלען זאָלען אונזערע מיינונגען קריגען אַ באַדייטונג. אבער אויב מיר וועלען ניט גענוג זאָרגען פאַר דעם, אַז אונזער מיינונג זאָל האָבען אַ ממשות'דיגען ווערט, וועלען מיר געוויס ניט אין אַ גענוגענדיגער מאָס זאָרגען פאַר דעם, אַז ס'זאָלען געבראַכט ווערען די קרבנות, וואָס זיינען נויטיג אויף צו ראַטעווען אונזערע ברידער און אויף צו פאַרענטפערן די פראָבלעם פון דעם אידישען פאָלק.

ס'איז פאַראַן אַ גרויסע צאָל אַמעריקאַנער אידען, וואָס קענען ניט קאַלטבלוטיג צוזעהן די צרות פון זייערע ברידער און דעם אומרעכט, וואָס מ'טוט זיי. ס'איז פאַראַן אַ גרויסע צאָל אַמעריקאַנער אידען, וואָס ס'קאָכט ביי זיי די בלוט אויף דעריין און גאַרען מבטל צו זיין די סיבות פון די צרות.

די מיינונגען אָבער פון אַט די אַמעריקאַנער וועגען דעם, וואָס מ'קען
טאָן, וואָס מוז געטאָן ווערען און ווי דאָס זאָל געטאָן ווערען, אונטערשיידען
זיך איינע פון די אַנדערע. מחמת דעם פאָדערן זיי, אַז איבער אַט די
פראַגען זאָלען זיי אויסגעהערט ווערען דורך זייערע פארטרעטער, וואָס
זאָלען זיין אויסגעקליבען פון זיי גופא. זיי פאַרלאַנגען אויך צו הערען
די מיינונגען פון אַנדערע, כּדי די פארשיידענע פאָרשלאָגען זאָלען קענען גע-
משפט ווערען דורך די עפענטליכע מיינונג. זיי האַלטען פאַר נויטווענדיג,
מחמת דער ערנסטקייט און שווערקייט פון די פּראָבּלעמען, אַז ס'זאָלען אויס-
געהערט ווערען וואָס מערער און ניט וואָס וויניגער מיינונגען. דאָס זיינען
איינע פון די טעמים, צוליב וועלכע זיי האָבען געפאָדערט אַ קאָנגרעס און האָבען
פארלאַנגט, אַז ער זאָל זיין איינגעאָרדענט אויף אַ דעמאָקראַטישען אופן און אַז
די אונטערהאַנדלונגען זאָלען געפירט ווערען עפענטליך. די ישוב-הדעת'ן פון
אַזאַ קאָנגרעס וואָלטען געקענט באַרייכערט ווערען דורך דער עפענטליכער דיס-
קוסיע פון די, וואָס זיינען ניט קיין דעלעגירטע. דער קאָנגרעס גופא וועט
שאַפען די נויטיגע עפענטליכע מיינונג אויף צו באַשטעטיגען זיינע החלטות.

דער קאָנגרעס איז אָבער זייער וויכטיג אויך מחמת אַנדערע טעמים. אַ חוץ
די אידען, וואָס האָבען שוין אַרויסגעוויזען זייער גרייטקייט צו פארגרינגערן
דעם נויט פון זייערע ברידער, זיינען נאָך פאַראַן אַ סך אין אַמעריקע, וואָס
די איצטיגע נויט האָט זיי גאָך ניט אויף אַזוי-פיל אויפגעטרייסעלט, אַז זיי זאָלען
עפּעס טאָן בנוגע צו דעם. זיי זיינען, מחמת זייער קנאַפער באַהאַוועוקייט,
זייער גלייכגילטיג. מיר האָפען, אַז דער באַקאַנט ווערען מיט די פאַקטען וועט
דעם גרעסטען טייל פון זיי אַרויסרייסען פון זייער גלייכגילטיגקייט און וועט זיי
פירען צו אַן אַקטיווען אָנטייל-נעמען אין דער אַרבייט, וואָס פארנעמט זיך מיט
דער פארענטפערונג פון דער אידישער פּראָבּלעם. מיר מוזען די בלומרשט-
גלייכגילטיגע פאָרשטעלען דעם מצב און זיי קלאָר מאַכען ניט נאָר די אינטענ-
סיווקייט פון די איצטיגע צרות, נאָר אויך בריינגען דערצו, אַז זיי זאָלען נעמען
אַן אָנטייל אין דעם אָפּשאַפען זיי. — אויב מיר ווילען טאַקע עפּעס פועל'ן, און כּדי
אַרויסצורופען אַט דעם אינטערעס איז דער קאָנגרעס אַ נויטווענדיגער מיטעל.

דער קאָנגרעס פאַר זיך אַליין איז ניט קיין צוועק. ער איז אַ צווישען-מדרגה
אין דער אָרגאַניזירונג פון'ם אידישען פאָלק, אַ געצייג, דורך וועלבען סיקען
פעסטגעשטעלט, און אויך אויסגעפירט ווערען זיין רצון. כּדי דער קאָנגרעס זאָל

ריכטיג אויסדריקען דעם רצון פונ'ם אידישען פאָלק, מוז דער קאָנגרעס טראָגען א דעמאָקראַטיש־רעפּרעזענטאַטיווען (פאָרשטייערישען) האַראַקטער. כּדי זיין רצון זאָל קענען מגולגל ווערען אין מעשים, דאַרפען די החלטות פון זיינע פאַרטרעטער זיין אונטערגעשיצט פון אַ אינטעליגענטער אידעשער עפענטליכער מיינונג, וואָס זאָל זיין וויים־פאַרברייטערט און דורכגעדרונגען פון אַ טיפער אינעווייניגסטער איבערציינונג. כּדי די החלטות זאָלען, ווי ווייט מעגלאַך, זיין מיט אַ ווייטען קוק, מוז פאַר דעם קאָנגרעס פאָרקומען אַ אַלגעמיינע עפענטליכע דיסקוסיע איבער די פאָרגעלייגטע מיטלען. די החלטות דאַרפען פאַרקערפערן די מיינונג פונ'ם גאַנצען פאָלק און ניט די קלוגקייט פון אַ הייפעל מענטשען, זיי מעגען אפילו זיין מי־יודע ווי באַגאַבט און פאַסיג פאַר עפענטלעכע אַרבעט. די הילף מוז אַקטיוו זיין. זי מוז זיין, ווי אַ פינאַנציעלע, אַזוי אויך אַ מאָראַלישע הילף. זי מוז זיין די הילף פון מיליאָנען און ניט פון עטליכע נדיבים, פילאַנטראָפּישע מיליאָנערען. און כּדי די הילף זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דער גרויסקייט פונ'ם אומגליק, מוז נאָך פאַר דעם קאָנגרעס פאָרקומען די אָרגאַניזירונג פונ'ם אַמעריקאַנישען אידענטום, וואָס זאָל ערב זיין, אַז מ'וועט אַרבעטען צוזאַמען ביי דער דורכפירונג פון די באַשלאָסענע מיטלען. דער קאָנגרעס טאָר ניט זיין קיין ריין שטימונגס־מיטינג. ער דאַרף ווערען דער אַרבעטס־געצייג פון דעם אָרגאַניזירטען אידענטום. ער וועט אָבער ניט קענען קיין סך אויפטאָן, אויב זיינע פונקציעס וועלען זיך באַגרענעצען נאָר מיט'ן אָננעמען פון פריהער צוגעגרייטע החלטות. די, וואָס דער קאָנגרעס וועט זיי באַפולמעכטיגען צו אַרבעטען פאַר'ן אידישען פאָלק, דאַרפען זיין זיכער אין דער אַקטיווער אונטערשטיצונג פון די אַמעריקאַנער אידען. זיי דאַרפען זיין געגרייט ניט נאָר צו אַרבעט, נאָר זיי דאַרפען אויך זיין באַזאָרגט מיט די נויטיגע מיטלען.

וואָס קען דער קאָנגרעס דערגרייכען? ערשטענס, בילדעט דער קאָנגרעס, דורכדעם וואָס ער שאַפט רעפּרעזענטאַטיווע וואָרטפירער פונ'ם אַמעריקאַנער אידענטום, אַ אַיינהייטלונג, דורך וועלכע די אַמעריקאַנער אידען, אַלס די איינציגע גרויסע נייטראַלע גרופּע פון אידען, ווענדען זיך צו די רעגירונגען, און צו וועלכע עס קאָנען זיך ווענדען אויך די רעגירונגען גופא, ווען זיי ווילען קומען אין אונטערהאַנדלונגען מיט די פאַרטרעטער פונ'ם גאַנצען אידעשען פאָלק.

צווייטענס, מאָרען אונזערע פאָרערונגען ניט אַריבערהאַפען די מאָס..

אַפילוּ די שפּראַך פוּנ'ם קאָנגרעס דאַרף זיין אַמעסיגע. די אידען קאָנען אָבער פאָדערן, אַז זייערע רעכט זאָלען אָנערקענט ווערען פון גאַנץ אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע.

דער קאָנגרעס וועט אויסאַרבעטען דעם אידייען־באַזיס, וואָס שטאַמט פוּן די ביידע דעמאָקראַטישע פּרינציפּען. דער קאָנגרעס וועט דאַרפען געבען אַ באַגריף פוּן די צרות, וואָס די אידען האָבען אויסצושטיין אין די פאַרשיידענע לענדער, אין וועלכע זיי לעבען, און פון די פּאָליטישע באַדינגונגען, אונטער וועלכע ס'וועלען זיך געפינען צום סוף פוּן דער מלחמה גרויסע גרופּעס פוּן אידען. ער דאַרף, פאַרשטייט זיך, פירען די אַרבעט בהסכם מיט דעם אַלגעמיינעם רצון און אַ אויספירבארער פּראָגראַם. אָבער דער קאָנגרעס מוז אַ סך ווייטער גיין, הילע פּראָטעסטען און מאַניפעסטען העלען גאָר ניט אויפטאָן. דער קאָנגרעס דאַרף זיך אויסקלייבען וואָרטפירער, וואָס זאָלען אָננעמען זייערע מאָנדאַטען, כדי צו ערפילען זייערע חובות אין די גרענעצען פון דעם מאַנדאַט. די מענטשען דאַרפען אָבער זיין אונטערגעשטיצט ניט נאָר מיט אַ באַפולמעכטיגונג. דער קאָנגרעס דאַרף שאַפען די מאַשי־נעריע, וואָס זאָל ערב זיין, אַז דאָס, וואָס די וואָרטפירער זאָגען צו, זאָל ערפילט ווערען, און אַז דאָס, וואָס ס'וועט פועל'ן דער שלום־אָפּמאַך, וועלען אונטערהאַלטען די פאַראייניגטע באַמיהונגען פון די אידען.

ס'אַרא סך ס'איז דאָ צו טאָן, כדי צו ערפילען די גאַנצע ערענסטע אויפגאַבען, קענען מיר זעהן פון אונזער ערפאַרונג מיט דער רומעניש־אידישער מאַלעראַנץ־הוספה פוּנ'ם בערלינער אָפּמאַך אין 1878 יאָר, וואָס מ'האָט דערגרייכט מיט אַזוי פיל מאַטערנעס און וואָס זיין ווערט איז געווען אַזוי איבערגעשאַצט. ס'וואָלט אָהן אַ שיעור בעסער געווען, ווען ס'וואָלט געמאַכט געוואָרען דער פאַרזאָרגען די רומענער אידען מיט גלייכבאַרעכטיגונג ניט דורך אַנ'אָפּמאַך. וואָרום דאָס, וואָס ער איז איגנאָרירט געוואָרען מצד רומעניע, האָט קלאָר געמאַכט דער גאַנצער וועלט די הילפלאָזיגקייט פוּן די אידען. וואָלט אָבער שוין עקזיסטירט די מאַשינעריע פון די אָרגאַניזירטע אידען, וואָלט רומעניע געווען געצוואונגען מקיים צו זיין אירע הבטחות. דער קאָנגרעס דאַרף אונז שאַפען די מאַכט, וואָס איז נויטיג כדי אונטערצוהאַלטען די דערגרייכטע געווינסען, דורך מענטשען, פעיאיגקייטען, השפעה און געלט.

דריטענס, וועט דער קאָנגרעס זעהן צו ווירקען, אַז אין אַמעריקע זאָל געשאַפען ווערען אַ איינהייטליכער אידענטום, מחמת אָהן דעם איז אוממעגליך

ממש צו דערגרייכען דעם ציל. די איינהייט ווערט דורכדעם געשאפען, וואס כדי צו דערגרייכען דעם שותפישען ציל, ארבעט דער מיעוט צוזאמען מיט דער מערהייט. נאכדעם ווי ס'איז פעסטגעשטעלט געווארען אויף א דעמאקראטישען אופן די מיינונג און דער רצון פון דער מערהייט. דאס געפינט זיך אין א הסכם מיט די אמעריקאנער מעטאדען און די פאדערונגען פון דער ראיאליטעט. די ביז־אהעריגע אומפייאיגקייט פון די דריי מיליאן אמעריקאנער אידען צו העלפען אירע אויסלענדערשע ברידער, דארף אונז ניט וואונדערען. ניט קוקענדיג אויף די איבער צענטויזענט אידעשע באזונדערע ארגאניזאציעס, פון וועלכע יעדערע האט א באשטימטען צוועק און שטעלט זיך אינדי־ווידועלע צילען, איז בשום אופן ניט געווען מעגלאך עפעס א ממשות'דיגע שותפישע ארבעט אין די גרויסע פראבלעמען פון דעם אידעשען לעבען. די ארגאניזאציעס פלעגען איינע די אנדערע מסיג גבול זיין, און עס פלעגט תיכף מוזען אויסברעכען א סכסוך צווישען זיי, ווי נאר מע פלעגט צוטרעטען צו עפעס ברייטערע פראבלעמען.

ס'האט ניט געקענט זיין קיין שום ממשות'דיגע שותפישע ארבעט, ווארום ס'איז ניט געווען קיין קאארדינירונג. דער קאנגרעס וועט אהן א שיעור פאראיינפאכען, אנטוויקלען און פארשטארקען די כחות אינ'ם אמעריקאנער אידעשען לעבען מיט דעם, וואס ער וועט שאפען דעם אחדות דורך דער אונטערווארפונג פון דעם מיעוט אונטער דעם רצון פון דער מערהייט.

מאקס נארדוי האט מיט א צייט צוריק געזאגט, אז די אידען זיינען „א פאלק פון נסים", און ער האט געמיינט מיט דעם צו זאגען, אז די אידען גלויבען צו דערגרייכען פרייהייט אהן די מיטלען, דורך וועלכע מע פועל'ט עפעס בדרך־הטבע.

ס'איז באמת זייער אמערקווירדיגע זאך, וואס ביי אידען קאנען נאר געמאלט זיין אזעלכע געדאנקען. ווארום ס'איז כמעט ניטא אויף דער וועלט נאך אזא פאלק, ביי וועמען די איינציגע אברים זאלען אזוי גוט זיין באקאנט מיט דעם פאקט, אז דער ערפאלג איז א פועל־יוצא פון א געדולדיגער אנשטריינגונג. קיין שום איד וועט ניט ווארטען פאר זיך א וועלכען עס איז ערפאלג דורך א נס. ער איז געוואוינט צו ארבעטען פאר זיינע צילען און אויף אזא מין אופן אפט צו דערגרייכען ערפאלג. און טאקע נאר דערפאר, וואס ער ארבעט פאר זיי, נאר די געדולד פונ'ם איינציגען אידען, זיין גרייטקייט צו ארבעטען, אפצוזאגען זיך פון פארגעניגענס. ניט צו רעכענען זיך מיט סכנות,

אַרױפצונעמען אױף זיך קרבנות, זיכערט אים זײן פּערזענליכען ערפאָלג. אָבער װי נאר די אידען װילען דערגרײכען עפּעס ערפאלג פאַר דעם גאַנצען פאלק, פאַרגעסען זײ, אַ פּנים, װאָס ס'לערענט זײ דער טעגליכער לעבען. ס'פעלט זײ די מעלה פון אַ מלוכה-מאַן, װעלכע װאָלט זײ געקאָנט פאַר-אײניגען, דורכדעם, װאָס יעדערער װאָלט געזאָגט: „איך אַלס אַ אבר פון מײן פאָלק װיל איך אַרבעטען צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אברים פון מײן פאָלק, כדי צו דערגרײכען דעם ציל, אין װעלכען דאָס גאַנצע פאָלק איז פאַראינטערעסירט, און, אַלס אַזעלכער װיל איך ברײנגען די נױטיגע קרבנות, כדי אונזער גרױסער ציל זאָל קענען דערגרײכט װערען".

װאָס מיר דאַרפען, בכלל, האָבען איז, אַז די אײנציגע אידען זאָלען פאַר דער שותּפישער זאַך פון'ם אידישען פאלק זײַן געגרײט צו ברײנגען די קרבנות, װאָס זײ ברײנגען צו דערגרײכען זײערע פּערזענליכע ערפאָלגען. אויב די אידען זײַנען געגרײט אָט דאָס צו טאָן, װעלען די דרײ מיליאָן אַמעריקאַנער אידען מיט זײער הױכער אינטעליגענץ און זײער שטאַרקען רצון אױף געװיס האָבען אַ גרױסע השפּעה אױף דער פאַרבעסערונג פון דעם מצב פון זײערע ברידער אין אַנדערע לענדער. געדולדיג זײן איז אַזױ נײטיג װי פעסט אױסצוהאַלטען, אָבער געדולד, אַ פײאיגקײט פעסט אױסצוהאַלטען און אַ אונטערװאַרפונג פון'ם מיעוט װעט פריהער אדער שפּעטער אױף דעם אָדער יענעם װעג דערגרײכען דעם גרױסען ציל, צו װעלכען מיר שטרעבען; אבער דאָס װעט קײנמאָל ניט קענען דערגרײכט װערען, כל זמן דער אײנציגער איד װעט ניט זײן געגרײט צו ברײנגען אַ זעלבע קרבנות מיט צײט, ענערגיע אין געלט.

די גרױסע אידעשע און אַמעריקאַנער ירושה פאַרלאַנגט, אַז יעדערער אײנציגער פון אײך זאָל זיך אײנגאַנצען אָפּגעבען צו אַרבעטען פאַר דעם ציל.

## די פילאַדעלפיער פאַרקאָנפערענץ.

דעם 26-טען מערץ 1916 איז אין פילאַדעלפיע אָפּגעהאַלטען געװאָרען די פאָרקאָנפערענץ צום אַמעריקאַנער אידעשען קאָנגרעס. ס'זײנען געװען 357 דעלעגירטע, װאָס האָבען פאָרגעשטעלט 28 נאַציאָנאַל-אידעשע אָרגאַניזאַציעס (צװישען זײ: אָרדען „ברית אברהם", „ברית שלום", דער פאַרבאַנד פון די

אמעריקאַנער ציוניסטען, די פאַראייניגונג פון די אָרטאָדאָקסישע קאָנגרעגאַציעס, דער פאַרבאַנד פון די רוסיש-פּוילישע אידען, די „פּועלי-ציון" די „סיימיסטען" און אַנדערע) אין 81 שטעט און 28 שטאַטען און 3381 פאַראיינען. די מיטגלידערשאַפט פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבען זיך באַטייליגט, באַטרעפט אַ מיליאָן אידען. ס'זיינען געוואָרען אָנגענומען פאָלגענדע החלטות:

I) די פראָגראַם פונ'ם קאָנגרעס.

1) א) דער קאָנגרעס פאַרנעמט זיך מיט דער פראַגע וועגען זיכערן די אידען פולע בירגערליכע, פּאָליטישע און רעליגיעזע גלייכבאַרעכטיגונג אין די אַלע לענדער, וואו זיי האָבען ניט אָט די רעכט.

ב) דער קאָנגרעס פאַרנעמט זיך מיט דער פראַגע וועגען פאַרשאַפען די אידען נאַציאָנאַלע רעכט אין די לענדער, וואו אַזעלכע רעכט זיינען אָנערקענט אָדער דאַרפען זיין אָנערקענט.

2) דער קאָנגרעס פאַרנעמט זיך מיט די פראָבלעמען פון דער אידישער אַנטוויקלונג אין ארץ ישראל אין אַלע אירע סטאַדיעס.

3) דער קאָנגרעס פאַרנעמט זיך מיט דער פראַגע וועגען אַ שותּפישער אַרבעט מיט די אידען פון אַלע אַנדערע לענדער בנוגע דער דורכפירונג פון דער פראָגראַם פונ'ם קאָנגרעס.

4) דער קאָנגרעס פאַרנעמט זיך מיט דער פראַגע וועגען בילדען אַ קאָמיסיע, וואָס איר עובדא זאָל זיין איבערצוגעבען די ישוב-הדעת'ן פונ'ם קאָנגרעס דער שלום-קאָנפערענץ.

5) דער קאָנגרעס פאַרנעמט זיך מיט דער פראַגע וועגען דער צוועק-מעסיגקייט פונ'ם באַשטימען דעם קאָנגרעס פאַר אַ פערמאַנענטען (שטענדיגען) אינסטיטוט.

6) דער קאָנגרעס פאַרנעמט זיך מיט דער פראַגע וועגען העלפען אויף אַממשות'דיגען אופן די אידען, וואָס האָבען געליטען, פון דער מלחמה.

7) דער קאָנגרעס פאַרנעמט זיך מיט די פראָבלעמען פון דער אידישער עמיגראַציע אין אַלע אירע פאָרמען.

8) דער קאָנגרעס פאַרנעמט זיך מיט דער פראַגע וועגען די פינאַנציעלע התחייבות'ן, וואָס די קאָנגרעס-באַוועגונג רופט אַרוים.

II) די צייט פונ'ם קאָנגרעס.

1) די קאָנפערענץ פאַרלאַנגט, אַז דער קאָנגרעס זאָל, ווי ווייט מעגלאַך, ווערען וואָס פריהער אויפגערופען.

2) דער עקזעקוטיוו-קאָמיטעט זאָל תיכף צוטרעטען צו מאַכען די

נייטיגע הכנות צום אויפרופען דעם קאָנגרעס. די אַלע הכנות דאַרפען זיין פאַרענדיגט צום 3-טען סעפּטעמבער 1916.

3) פונ'ם עקזעקוטיוו-קאָמיטעט ווערט פאַרלאַנגט אַז דער קאָנגרעס זאָל ווערען איינגערופען צווישען דעם 3-טען סעפּטעמבער און דעם 31-טען דעצעמבער 1916.

4) דער קאָנגרעס טאָר בשום אופן ניט ווערען אָפּגעהאַלטען שפּעטער פאַר'ן 31-טען דעצעמבער 1916, סיידען דער עקזעקוטיוו-קונסיל נעמט אָן אַזאַ מין החלטה מיט אַ רוב-דעה'ת פון דריי פערטעל פון זיינע מיטגלידער.

5) אין אַ דרינגענדיגען פאַל האָט רעכט דער עקזעקוטיוו-קאָמיטעט איינצורופען דעם קאָנגרעס אין אַ משך פון 30 טעג נאָך זיין אָנזאָג.

III) דער אָרט פונ'ם קאָנגרעס.

1) ס'איז באַשלאָסען געוואָרען אָפּצוהאַלטען דעם קאנגרעס אין וואַשינגטאָן.

VI) די וואַלען פון די דעלעגירטע.

1) די קאָנפערענץ נעמט אָן דעם פּרינציפּ פון אַ דעמאָקראַטישען און אַלגעמיינעם שטימערעכט בנוגע צו דעם אידישען קאָנגרעס און די וואַלען צו אים.

2) די מיטגלידערשאַפט פון אַ אידישען מאַן אָדער אַ אידעשער פרוי אין אַ לאָקאַלער אידעשער אָרגאַניזאַציע מאַכט אַזאַ מין מיטגליד פאַר אַ רעכט-מעסיגען איינגעשריבענעם וויילער. יעדע אַזאַ שטימע קען אויפ'ן פאַרלאַנג פון אים אָדער איר אָפּגעגעבען ווערען דורך דער לאָקאַלער אָרגאַניזאַציע.

3) דער עקזעקוטיוו-קאָמיטעט איז באַרעכטיגט צו געפינען די אופנים, ווי צו מאַכען מעגלאַך דעם אָנטהייל-נעמען אין די קאָנגרעס-וואַלען אויך פאַר די אַלע אידעשע מענער און פרויען, וואָס זיינען ניט קיין מיטגלידער פון אַ לאָקאַלער אָרגאַניזאַציע.

V) עקזעקוטיוו-קונסיל.

דער עקזעקוטיוו-קונסיל דאַרף באַשטיין פון 70 מיטגלידער, אַ חוץ אַ ערען-פּאָרזיצענדען און אַ סעקרעטאַר. נאָר בירגער פון די פאַראייניגטע-שטאַטען זיינען וואַל-פייאיג פאַר אָט דעם קאָמיטעט.

לואי ד. בראַנדייס איז געוואָרען איינגעקליבען פאַר'ן ערען-פּאָרזיצענדען פון דעם קונסיל.

# די קאנפערענץ פון די אמעריקאנער אידעשע ארגאניזאציעס.

דעם 16=טען יולי 1916 איז אין ניו=יארק אפגעהאלטען געווארען די קאנפערענץ פון די אמעריקאנער אידעשע ארגאניזאציעס, וואס איז אויפגערופען געווארען פונ'ם „אמעריקאן=דזשואיש=קאמיטעט".

ס'זיינען געווען 70 דעלעגירטע, וואס האבען פארגעשטעלט 27 אידעשע ארגאניזאציעס (צווישען זיי אויך דער רוב פון דעם ארבעטער=פארבאנד, וואס געפינט זיך אונטער דער השפעה פון דעם האלב=אסימילאטארישען „פארווערטס").

ס'זיינען געווארען אנגענומען פאלגענדע החלטות:

1) די קאנפערענץ שטרעבט דורכצופיהרען א אייגהייטליכע אונטערנעמונג, תהילת צווישען די אמעריקאנער אידען און דאן צווישען די אידען פון דער גאנצער וועלט, כדי צו דערגרייכען פולע גלייכבארעכטיגונג פאר די אידען אין אלע לענדער און די אפשאפונג פון די אלע באזונדערע געזעצען, וואס זיינען געווענדעט קעגען זיי. דער פשט פון „פולע גלייכבארעכטיגונג" איז די ציווילע, רעליגיעזע און פאליטישע רעכט, און חוץ דעם די אויסשפרייטונג פון די גרופעס=רעכט דארטען, וואו זיי עקזיסטירען, אויף די אידען, אויף ווי ווייט זיי גופא פארלאנגען דאס.

2) אזוי ווי דער ענין, וואס ווערט באהאנדעלט אין פונקט 1. באגעגענט ביי די אידען א פולשטענדיגע איינשטימיגקייט, באגריסט די קאנפערענץ דעם צוזאמענרופען א קאנגרעס פון די אמעריקאנער אידען, כדי נאר דאס אליין (Sole purpose) צו דערגרייכען, און באשליסט צו צו[illegible]רעטען צו דער דורכפירונג פון אזא מין אונטערנעמונג.

3) די קאנפערענץ באשטעטיגט איר עקזעקוטיוו=קאמיטעט, וואס דארף דא אויסגעקליבען ווערען, צו דערגרייכען די צילען, וואס זיינען דערמאנט אין § 1. זי באפולמעכטיגט צו דעם צוועק דעם עקזעקוטיוו=קאמיטעט ארבעטען צוזאמען מיט אלע אנדערע ארגאניזאציעס פון אמעריקאנער אידען, כדי צו פארווירקליכען די צילען. זי באשטעטיגט אים, בהסכם מיט דעם, דורכצופירען די הכנות צום אויפרופען דעם דערמאנטען קאנגרעס פון די אמעריקאנער אידען, צו באשטימען זיין צייט, ארט און די וואל=אופנים, ווי אויך בכלל זיין קאנסטיטוציע.

4) די קאָנפערענץ זאָגט זיך בפירוש אַרויס, אַז קיין שום זאַך פון דעם אַלץ, וואָס איז געזאָגט געוואָרען דאָ, טאָר ניט שאָדען די אַווטאָנאָמיע פון אַ וועלכער ס'איז אַמעריקאַנער אידעשע אָרגאַניזאַציע.

# די פשרה.

דורך דעם סוב-קאָמיטעט פון דעם קאָנגרעס-אָרגאַניזאַציאָנס-קאָמיטעט צוזאַמען מיט דעם סוב קאָמיטעט פון „דער קאָנפערענץ פון די אַמעריקאַנער אידעשע אָרגאַניזאַציעס" איז דעם 17-טען יולי **1916** איינגעאַרבעט געוואָרען די פאָלגענדע פשרה.

A. פראָגראַם.

דער אַמעריקאַנער אידעשער קאָנגרעס ווערט צונויפגערופען אויסשליסליך צוליב דעם, כדי צו באַשטימען די אופנים, דורך וועלכע מ'קען, אַרבעטענדיג צוזאַמען מיט די אידען פון דער גאַנצער וועלט, דערגרייכען פולע גלייכבאַרעכטיגונג פאַר די אידען אין אַלע לענדער און מבטל מאַכען אַלע באַזונדערע געזעצען פאַר אידען.

דער פשט פון „פולע גלייכבאַרעכטיגונג" איז:

1) בירגערליכע, רעליגיעזע און פאָליטישע גלייכבאַרעכטיגונג און אַלס אַ הוספה דערצו:

2) אין די לענדער, וואו די פאַרשיידענע פעלקער האָבען סעפּאַראַטע גרופּעס-רעכט, אָדער ווערען אַנערקענט אַלס באַרעכטיגטע צו געניסען פון אָט די רעכט, — די אויסשפּרייטונג פון די גרופּעס-רעכט אויף די אידען פון אָט די לענדער. אין פאַל תּען דער קאָנגרעס וועט אַנווייזען, אַז דאָס ווערט פאַרלאַנגט פון יענע אידען גופא.

3) די זיכערונג און די פאַרהיטונג פון די אידעשע רעכט אין ארץ-ישראל.

אויפ'ן קאָנגרעס טאָר ניט ווערען אַריינגעטראָגען, אַרומגערעדט אָדער באַהאַנדעלט קיינע שום החלטות, וואָס לויט זייער אינהאַלט זיינען זיי נוגע אָדער שטרעבען דערצו: אַז דער קאָנגרעס, אַלס אַ איינריכטונג, אָדער

איינער פון זיינע דעלעגירטע, אָדער איינע פון די קהילות, אָדער אָרגאַניזאַציעס, וואָס וועלען זיין אויף אים פאַרגעשטעלט, זאָלען אָננעמען, אָנערקענען אָדער דורכפירען אַ וועלכע ס'איז אַלגעמיינע טעאָריע אָדער פילאָזאָפיע פונ'ם אידישען לעבען אָדער אַ וועלכען ס'איז טעאָרעטישען פרינציפּ (וואָס טראָגט אַ ראַסען־פּאָליטישען, עקאָנאָמישען אָדער רעליגיעזען כאַראַקטער), אָדער וואָס עס איז, וואָס ס'האָט אַ שייכות צו דער שטענדיגקייט פונ'ם קאָנגרעס.

דער אויפרופען און אָפּהאַלטען דעם קאָנגרעס טאָר בשום אופן ניט אנרירען די אַווטאָנאָמיע פון אַ וועלכער ס'איז אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציע. אָבער ווי נאָר דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, וואָס וועט אויסגעקליבען ווערען דורך דעם קאָנגרעס, וועט צוטרעטען דורכצופירען די אונטערנעמונג פאַר דער זיכערונג פון די אידישע רעכט, דאַרף ער כל זמן ער עקזיסטירט, האָבען די בכורה לגבי אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס נעמען אָן אַנטייל אינ'ם קאָנגרעס.

דער קאָנגרעס דאַרף אויסקלייבען אַ עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, וואָס זיין עובדא איז צו אַרבעטען צוזאַמען מיט די אידען פון אַנדערע לענדער פאַר דער פאַרווירקליכונג פון די צילען, צוליב וועלכע דער קאָנגרעס איז אויפגע־רופען געוואָרען. דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט דאַרף פאַרבלייבען אין זיין אַמט ביז'ן סוף פון ערשטען יאָר נאָך דעם שלום־אָפּמאַך, מיט וועלכען ס'וועט זיך ענדיגען די היינטיגע אייראָפּעאישע מלחמה. צום סוף פון דעם משך־צייט אָדער, אויב ס'וועט זיין נויטיג, אויך פריהער, דאַרף ער אויפרופען איבעראַניים דעם קאָנגרעס און אָפּגעבען אים אַן ענדגילטיגען דין־וחשבון פון זיין אַרבעט.

B. וואַל־סיסטעם.

אַ הוספה מצד דער פשרה צו די החלטות פון דער פילאַדעלפיער פאַרקאָנפערענץ בנוגע דער וואַל־סיסטעם.

דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט רעכט אין די החלטות צו מאַכען אַזעלכע מאָדיפיקאַציעס, וואָס זיינען נויטיג פאַר דער פאַרווירקליכונג פון די פרינציפּען, וואָס זיינען אין זיי איינגעשלאָסען.

C. די צייט.

אַ הוספה מצד דער פשרה צו די החלטות פון דער פילאַדעלפיער פאַרקאָנפערענץ.

דער קאָנגרעס דאַרף ווערען אָפּגעהאַלטען פאַר דעם סוף פון דער

הײנטיגער אײראָפּעאישער מלחמה צו אַזאַ טערמין, װאָס ס'װעט װערען באַשטימט דורך דעם עקזעקוטיװ־קאָמיטעט פון דעם אַמעריקאַנער אידעשען קאָנגרעס.

Д. אָרגאַניזירונגס־קאָמיטעט.

ס'װערט באַשלאָסען, אַז די צאָל מיטגלידער פון דעם עקזעקוטיװ־קאָמיטעט פון דעם אַמעריקאַנער אידעשען קאָנגרעס, װאָס באַשטײט איצטער פון 68 מיטגלידער און װאָס קען װערען פאַרגרעסערט ביז אויף 120, זאָל פאַרגרעסערט װערען ביז אויף 140 דורך דעם, װאָס מ'װעט צוציהען צװײ מיטגלידער, װאָס דאַרפען װערען אויסגעקליבען דורך דעם איצטיגען קאָמיטעט און דורך נאָך 70 מיטגלידער, װאָס דאַרפען װערען אויסגעקליבען פון „דער קאָנפערענץ פון די אַמעריקאַנער אידעשע אָרגאַניזאַציעס".

---

# דער רעפערענדום.

די פשרה איז פאַנאַנדערגעשיקט געװאָרען די מיטגלידער פון דער פילאַדעלפיער פאַרקאָנפערענץ אויף אַ שריפטליכע אָפּשטימונג. פון די 357 דעליגירטע פון דער פילאַדעלפיער פארקאָנפערענץ האבען געשטימט מערער װי 250.

דער רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג איז געװען פאָלגענדער: פונקט A װערט אָפּגעװאָרפען מיט 127 אַנטקעגען 116 שטימעס, פונקט B װערט אָפּגעװאָרפען מיט 128 אַנטקעגען 113 שטימעס, פונקט C. װערט אָנגענומען מיט 153 אנטקעגען 87 שטימעס, פונקט Д װערט אָנגענומען מיט 126 אנט־קעגען 114 שטימעס. דאָס הײסט, אַז דער בײט פון „נאַציאָנאַלע רעכט" אויף „גרופּעס־רעכט" (פונקט A) איז אָפּגעװאָרפען. דער פונקט B האָט ערלויבט די אָרגאַניזאַציעס צו שיקען זײערע דעליגירטע אויפ'ן קאָנגרעס אין אַזאַ פאָרם און צאָל װי זײ אַלײן װילען. אָט דער פונקט איז פון די נאַציאָנאַליסטען, אַלס אַ חורבן פון דעם דעמאָקראַטישען חאַראַקטער פונ'ם קאָנגרעס, געװאָרען באַקעמפט און איז דורך די דעליגירטע אָפּגעװאָרפען געװאָרען.

אויף דער זיצונג, אויף װעלכער מ'האָט פעסטגעש · דעם רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג, איז אויך געװאָרען ־װיזען, אַז אַ סך דעלי־גירטע, װאָס זײנען געגנער פון דער פשרה, האָבען נאָך ניט אַרײנגעשיקט זײער שטימצעטעל.

---

# דער אפּמאַך.

דעם 2=טען אָקטאָבּר האָט זיך אײַנגעגעבּען צו דערגרײכען אַן אָפּמאַך. נאָך אַ בּפרטיות'דיגער אונטערזוכונג פון דער פּשרה פון'ם 17=טען יולי און די טענות פון דעם רעפערענדום האָבּען בּײדע צדדים בּאַשלאָסען צו זעהן, ווי ווײט מעגלאַך, אַנטקעגענצוקומען אײנער דעם אַנדערן.

די פאָרשטײער פון דעם קאָמיטעט פון „די אַמעריקאַנער אידעשע אַרגאַניזאַציעס" האָבּען מודיע געווען, אַז זײ זײנען געגרײט דעם וואָרט „גרופּעס=רעכט", וואָס האָט אַרױסגערופען דעם אײנשטימיגען פּראָטעסט פון די נאַציאָנאַלע קרײזען, פאַרבּײטען, בּהסכּם מיט די החלטות פון דער פילאַדעלפיער פאָרקאָנפערענץ, מיט דעם וואָרט „פאָלקס=רעכט". דער צווײטער שטרײט=פּונקט, די פאָדערונג פון די פאָרשטײער פון'ם קאָמיטעט פון די אַמעריקאַנער אידעשע אַרגאַניזאַציעס, אַז $50^0/_0$ פון די דעלעגירטע צום קאָנגרעס זאָלען בּאַשטימט ווערען אָהן וואַלען, אַ פאַרלאַנג, וואָס ווערט גערעכענט פון'ם רעפערענדום פאַר אַ סכּנה פאַר דעם דעמאָקראַטישען חאַראַקטער פון'ם קאָנגרעס. איז געוואָרען געענדערט אין דעם זין, וואָס נאָר $25^0/_0$ פון די דעלעגירטע דאַרפען ווערען בּאַשטימט אױף דעם אופן. וואָס האָט פאָרגעלײגט דער קאָמיטעט פון די אַמעריקאַנער אידעשע אַרגאַניזאַציעס. די איבּעריגע $75^0/_0$ זאָלען אױפגעשטעלט ווערען לױט די החלטות פון דער פילאַדעלפיער פאָרקאָנפערענץ. פון דער אַנדערער זײט האָבּען געמוזט די קאָנגרעסיסטען זיך אָפּזאָגען פון דער בּאַהאַנדלונג פון דער עמיגראַציאָנס=פראַגע, ווי אױך פון דער פראַגע מכּח דער שטענדיגקײט (פערמאַנענץ) פון'ם קאָנגרעס. ווי אַ בּאַזונדערער פּונקט איז געוואָרען צוגעגעבּען „די זיכערונג פון די אידעשע רעכט אין ארץ ישראל".

די בּײדע צדדים זײנען געוואָרען בּאַפולמעכטיגט פאָרצולײגען זײערע אָרגאַניזאַציעס די נײע פּשרה.

---

# דער צווײטער רעפערענדום.

דער נײער אָפּמאַך איז פאַנאַנדער־געשיקט געוואָרען די דעליגירטע פון דער פילאַדעלפיער פאָרקאָנפערענץ אױף אַ אָפּשטימונג. אין דער אָפּשטימונג האָבּען זיך בּאַטײליגט 221 דעליגירטע, פון וועלכע 217 האָבּען געשטימט פאַר און נאָר 4 קעגען דער נײער פּשרה.

דער נייער אָפּמאַך איז אויפ'ן מיטינג פונ'ם 14־טען נאָוועמבער אָנגע־נומען געוואָרען דורכ'ן „עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער קאָנפערענציע פון די אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס".

# דער אידעשער קאנגרעס אין אמעריקע.

## פון ש. קאפלאנסקי.

דער הסכם, וואָס איז דערגרייכט געוואָרען צווישען דעם אָרגאַניזירונגס־קאָמיטעט פונ'ם אידעשען קאָנגרעס, וואָס איז אויסגעקליבען געוואָרען אין פילאַדעלפיע, מיט דער אַזוי גערופענער „קאָנפערענץ פון די אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס" איבער דער פּלאַטפאָרם פון אַ אַלגעמיינעם קאָנגרעס פון אידען אין די פאַראייניגטע שטאַטען איז אַ געשעהעניס, אין וועלכער מיר זעהען באַשיימפערלאַך די אַנטוויקלונג פון דעם נאַציאָנאַלען באַוואוסטזיין און די דעמאָקראַטיזירונג פונ'ם אידענטום אין די לעצטע צענדליג יאָר. דער צוזאַ־קומען פון פאַרטרעטער פון דריי מיליאָן אידען פון דער צפון־אַמעריקאַנער רעספובליקע האָט אויף געווים אַ גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג. אָבער כמעט אַ גרעסערע באַדייטונג, ווי דער קאָנגרעס גופא, האָט דער געזעל־שאַפטליכער קאַמפף און די אינעווייניגסטע ווירקונגען, וואָס די קאָנגרעס־באַוועגונג האָט אַרויסגערופען.

פון איין זייט איז געווען אַ מאַסע פון $2\frac{1}{2}$ מיליאָן מזרח־אידעשע אריינוואַנדערער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין שום שותפישע פּאָליטישע פּראָגראַם און קיין שום אָרגאַניזירטען כלל־רצון. פון אַנדערן זייט איז געווען אַ פּלוטאָקראַטישע (נגידישע) אַסימילירטע איבערשיכט מיט דעם „אַמעריקאַן דזשוּאיש קאָמיטעט", אַלס אַ פעסטע פּאָליטישע הנהגה. בראש די מזרח־אידעשע מאַסע איז אפילו אָרגאַניזירט אין גרויסע פּראָפעסיאָנעלע פאַרבאַנדען, אין לעבענס־פאַרזיכערונגס־אָרדענס, אין נאַציאָנאַלע און סאָציאַ־ליסטישע אָרגאַניזאַציעס. אָבער די סאָציאַלע סתירות, די שטאַרקע פּאָליטישע חלוקי־דעות, די אָהן אַ שיעור אויפגערעגטע באַציהונג צווישען דער נאַציאָנאַ־לער שטרעמונג, וואָס איז ביסלאַכווייז אַריינגעדרונגען אין קליינבירגערטום און אין די אַרבעטערשאַפט און צווישען די אַסימילאַטאָרישע טענדענצען, וואָס הערשען אין די שיכטען פונ'ם בירגערטום, וואָס הייבגען אָפּ פון דער פּלוטאָקראַטיע, און אין די אָנפירענדיגע קרייזען פון די אַרבעטער,—דאָס אַלץ

האָט כּמעט ניט געלאָזט גלויבן, אַז ס'זאָל זיין מעגלאַך אַ וואָס פאַר אַ ס'איז פאַרשטענדיגונג. אויפ'ן אַנדערן זייט איז געשטאַנען די גרופּע, וואָס אַרום דעם „אַמעריקאַן-דזואיש-קאָמיטעט", וואָס צוליב איר פילאַנטראָפּישע פּאָליטיק הייגנען פון איר אָפּ אַ סך זייער וויכטיגע קולטורעלע און עקאָנאָמישע אינסטי-טוציעס און וואָס האָט תיכף ביים אָנהייב מלחמה אַריינגענומען אין אירע הענט אויך די אַרבעט פאַר די געליטענע פון דער מלחמה. די דאָזיגע גרופּע האַלט זיך נאָך גרוים מיט איר פּאָליטישע רייפקייט און ערפאַרונג, מיט אירע פאַרדינסטען בנוגע דער אָפּשאַפונג פונ'ם מסחר-אָפּמאַך מיט רוסלאַנד און האָט פאַר אירע אויגען אַ קלאָרען ציל—ניט סובל צו זיין קיין שום פאָרשטייערשאַפט, וואָס זאָל זיין אויסגעקליבען דירעקט פון די אידעשע מאַסעס, פאַר קיין שום פאַל אין דער וועלט ניט אָפּצוטרעטען אַנדערע די פּאָליטישע אָנפירונג פון די אַמעריקאַנער אידען, זעהן, אַז די בּירגערליכע עמאַנציפּאַציע פון די אידען אַלס אַ רעליגיאָנס-כּלל זאָל ווערען די פּאָליטישע פּראָגראַם אויך פאַר מזרח-אייראָפּע און צו שטערען יעדער אונטערנעמונג, וואָס פּראָקלאַמירט די אידען אַלס אַ פאָלק און שטרעבט צו דערגרייכען נאַציאָנאַלע רעכט פאַר די אידעשע מיעוטים. און די טאַקטיק דערצו איז געווען—באַגרע-נעצען די אונטערנעמונג פאַר אידעשע רעכט אין די מלחמה-לענדער אין אַ פאָרם פון אַ קאָנפערענץ, וואָס זאָל אָפּגעהאַלטען ווערען בסודי-סודות, און די דע-מאָנסטראַציע פונ'ם אַמעריקאַנער אידענטום—אויב דאָס איז שוין אַ גזר מן השמים—אָפּלייגען אויף נאָך דער מלחמה, כּדי לכתחילה צוצונעמען ביי איר אַ וואָס פאַר ס'איז פּאָליטישע ווירקונג.

נאָך כּמעט אַ צוויי יאָריגען קעמפען איז די אַסימילאַטאָרישע פּלוטאָקראַטיע געשלאָגען געוואָרען אויף דער גאַנצער ליניע. די פאַראייניגטע פּלאַטפאָרם פונ'ם אידעשען קאָנגרעס איז אַ נצחון פונ'ם נאַציאָנאַלען רעיון און פון דעם עיקר פון אַ דעמאָקראַטישער פאַרטרעטונג. דריי פערטעל פון די קאָנגרעס-דעלעגירטע וועלען ווערען אויסגעקליבען דורך אַלגעמיינע וואַלען. דער וואַל-קאַמף וועט אויפטרייסלען די ווייטעסטע פאָלקס-שיכטען. ער וועט נייטען די פּאָליטישע פּאַרטייען און שטרעמונגען פאָרצולייגען זייערע פּראָגראַמען און פאָדערונגען פאַר דעם משפט פון דער אידעשער עפענטליכקייט און באַ-פעלקערונג. דער קאָנגרעס וועט פאָדערן ניט נאָר די בּירגערליכע עמאַנצי-פּאַציע פון די אידען אין אַלע מלחמה-לענדער. דעם ערשטען מאָל זינט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, זינט דעם אָנהייב קאַמף פאַר דער

אָנווענדונג פֿונ'ם פּרינציפּ פֿון מענטשען־רעכט אויך בנוגע צו אידען, וועט דאָס אידענטום פֿון א גרויסען לאַנד מוסר מודעה זיין, אַז ער פֿארלאנגט אויך די אָנערקענונג פֿון פֿעלקער־רעכט בנוגע אידען, או ער פֿאָדערט גאַראַנטיעס פֿאַר דעם נאציאָנאלען באַשטאנד פֿון די אידעשע מיעוטים פֿון מזרח־אייראָפּע ביז ארץ־ישראל. חוץ דעם, האָבען זיך פֿאראייניגט אלע גרופּעס פֿונ'ם אמעריקאנער אידענטום אויך בנוגע דעם, אז מע זאָל אָנווייזען אויף די באַזונדערע אינטערעסען, וואָס פֿארבינדען דעם אידעשען פֿאָלק מיט ארץ־ישראל, און אַז מע זאָל פֿארלאנגען גאראנטיעס פֿאַר אידעשע רעכט אין אָט דעם לאנד.

אודאי קען ניט די פֿאראייניגונג, ווי אַלע פּשרות, לגמרי צופֿרידענשטעלען. ס'האָבען געמוזט געמאַכט ווערען הנחות. וואָרום אַ אַלגעמיינער אידעשער קאָנגרעס, וואָס אין אים באטייליגען זיך אַלע פּאַרטייען און שיכטען, איז געווען מעגלאך, נאָר בעת קיין שום גרופּע איז ניט אויסגעקומען צו ברייניגען פֿאַר אַ קרבן דעם אינטעלעקט און די איבערצייגונג. אין דעם געזעלשאַפטליכען קאַמף האָט געחאַפּט אַמאוסע מפּלה נאָר די אַסימילאַטאָרישע אידעאַלאָגיע. די אוזור פּאַטאָרישע מעטאָדען פֿונ'ם אידעשען געלטזאַק אין אַמעריקע, די העזה, צו ווע‍לען פֿאַרטרעטען דריי מיליאָן אידען אָהן קיין שום וואַלען, אָהן א שום כח־הרשאה, אָהן אַ שום קאָנטראָל פֿון דער טעטיגקייט.

ס'איז זייער כדאי זיך אָפּצושטעלען אויף דעם אָנטייל פֿון דער אידעשער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפֿט אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער קאָנגרעס־באַוועגונג. איר היסטאריע איז נאָך ניט געשריבען, אָבער אַלע זיינען מודה, אַז דער אַכטער צוזאַמענפֿאָר פֿון די „פּועלי־ציון" אין ראָטשעסטער סוף 1914 יאָר און דער אַלגעמיינער קאָנגרעס פֿון דער. אידעשער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פֿונ'ם לאַנד אָנהייב סעפּטעמבער 1915 אין ניו־יאָרק זיינען געווען די ערשטע וויכטיגסטע טריט צו א קאָנגרעס.

די פֿאַראייניגונג פֿון דער ארבעטער־דעמאָקראַטיע, די פֿאַרשטענדיגונג צווישען די ביז אַהער סאַמע שטאַרקסטע געגנער אַרום אַ נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, איז געווען אַ שטאַרקע פֿאָדערונג צו די ברייטע שיכטען פֿונ'ם בירגערטום, דאָס אייגענע צו טאָן.

דאַן האָבען אַ סך גרויסע אידעשע אָרגאַניזאַציעס, צווישען וועלכע די ציוניסטישע האָט איבערגענומען די אָנפֿירונג, געשאַפֿען אין האַרבסט 1915 דעם אָרגאַניזירונגס־קאָמיטעט פֿון אַ אידישען קאָנגרעס, און דאַן איז אין מערץ 1916 פֿאָרגעקומען די פֿאָרקאָנפֿערענץ אין פֿילאַדעלפֿיע.

די פילאַדעלפיער פארקאָנפערענץ האָט באַוויזען, אַז ניט ווייניגער, ווי אַ מיליאָן אידעשע מענער און פרויען, פאַרלאַנגען, אַז ס'זאָל אָפּגעהאַלטען ווערען אַ דעמאָקראַטיש־אויסגעקליבענער קאָנגרעס און אַז ס'זאָל געשאַפען ווערען אַ אמת'ע פאַרטרעטונג פונ'ם אַמעריקאַנער אידענטום, וואָס סאָלידאַריזירט זיך מיט די אידען פון די מלחמה־לענדער און וואָס זאָל האָבען אין זינען זייערע פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט ביי דער נייער אָרדענונג פון די פאַרהעל־טעניסען נאָך דער מלחמה.

די אָנטשיידונג אין דעם קאַמף צווישען דעמאָקראַטיע און פּלוטאָקראַטיע איז געווען אין די הענט פון דער אַרבעטערשאַפט. און דאָס איז טאַקע געווען בהסכם מיט דער פאַרהעלטעניס פון די כחות. אַנ'ערך 1½ מיליאָן אידען פון די פאַראייניגטע שטאַטען געהערען צום פּראָלעטאַריאַט. די גרעסע־רע העלפט פון דער אידעשער אַרבעטערשאַפט איז פּראָפעסיאָנעל און פּאָלי־טיש אָרגאַניזירט. זי האָט אַרויסגעוויזען איר פּאָליטישע רייפקייט שוין מיט דעם גופא, וואָס זי האָט אַריבערגעוואָרפען אַ בריק צווישען די פּאַרטיי־סתירות. זי האָט באַשלאָסען אַרבעטען צוזאַמען און האָט אַרויסגע־שטעלט די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע גאַראַנטיעס. זי האָט געוואונען די אונטערשטיצונג פון די סאָציאַלע פּאַרטייען און פון דער פּראָפעסיאָנעלער אַמעריקאַנער באַוועגונג פאַר די זאַך פונ'ם אידעשען פאָלק און זי הא ערקלערט, אַז זי איז געגרייט זיך צו באַטייליגען אין אַ אַלגעמי אידעשען קאָנגרעס, וואָס וועט אָננעמען איר פּלאַטפאָרם. און דער „אַמעריקאַנער אַרבעטער־קאָמיטעט" האָט ניט פאַרענדיגט די היסט שליחות צו ווערען דער פאָרקעמפער און אפילו דער אַנטשיידער פון דער גרעס־באַוועגונג, זיינען אין דעריין שולדיג נאָר און מער ניט ווי די אַסימ טאָרישע מנהיגים פון דער עקזעקוטיווע. זיי האָבען זיך באַטייליגט אין קאַ פאַר נאַציאָנאַלע אָנערקענונג אַנטקעגען זייער אייגענעם ווילען, בכדי ניט צו קומען אין אַ סתירה מיט דער שטימונג פון די מאַסען. אָבער טיף אין האַרצען האָבען זיי ניט געקענט שליסען שלום מיט די נאַציאָנאַלע לאָזונגען און ארץ ישראל. ס'האָט זיי געצויגען צו זייערע אַסימילאַטאָרישע אידייען־חברים אין לאַגער פון דער גרויס־בורזשואַזיע. און ס'איז פאָרגעקומען דאָס, וואָס מ'האָט ניט געקענט ערוואַרטען.

אָנשטאָט זיך צו ערקלערען פאַר סאָלידאַריש מיט'ן אָרגאַניזירונגס־קאָמי־טעט און איזאָלירען דעם „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטעט", האָט זיך דער

אַמעריקאַנער אַרבעטער־קאָמיטעט" פאַרבונדען מיט'ן לעצטען, נאָר כדי אָפּצושוואַכען אָדער לגמרי צונישט מאַכען דעם נאַציאָנאַלען טאָן פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג. דער אַרויסטראָט פון די „פּועל־ציון" און פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטייען זיי נאָנט, פון דער אַרבעטער־עקזעקוטיווע איז געווען דער פּועל־יוצא פון דער קווינקלענעס. „דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־קאָמיטעט" הערט אויף דאַן צו זיין אַ אַנטשיידענדיגער פאַקטאָר אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג, און דער אידעשער קאָנגרעס וועט זיין דעמאָקראַטיש און נאַציאָנאַל, ניט קוקענדיג אויף די חברשאַפט צווישען דער פּלוטאָקראַטישער און כלומרשט־סאָציאַליסטישער אַסימילאַציע. פאַקטיש אָבער האָט דער מיסבּרויך פון'ם מאַנדאַט פון דעם אַרבעטער־קאָנגרעס, זייער שפּילען ליבע מיט די גרויסע אידען צוגענומען אַ סך צייט און אויסגעבראַכט איבעריגע ענערגיע אויף אינעווייניגסטע אַרבעט, אָנשטאָט צו פירען אַ סיסטעמאַטישע אויסענווייניגסטע אויפקלערונגס־אַרבעט.

נאָר ס'איז ניט די צייט איצטער צו משפּט'ען די פּאָליטישע חטאים און די טעות'ן פון די פאַרשיידענע גרופּעס. איצטער, בעת ס'איז שוין סוף־כל־סוף דערגרייכט געוואָרען אַ פאַראייניגונג, קענען מיר, אידען פון די אַנדערע ענדער, נאָר פאַרלאַנגען, אַז דער קאָנגרעס פון די אַמעריקאַנער אידען זאָל גיכער פאָרקומען, זאָל קלאָר און בפירוש'דיג אַרויסזאָגען די נאַציאָנאַלע רונגען און האָפנונגען פון די אידען פון אַלע לענדער און זאָל באַשטימען צליכע פאַרטרעטונג.

מ'קען רעכענען, אַז די פּאָליטישע וואָג פון די אַמעריקאַנער אידען איז גרויס, בכדי זי זאָל קענען זיכערן איר פאַרטרעטונג אַ טעטיגע ווירקונג די רעגירונג פון דער גרויסער צפון־אַמעריקאַנער רעספּובליקע. די אויפגאַבע ון דער אידעשער דעמאָקראַטיע, בפרט אין די מלחמה־לענדער, איז געבען צו וויסען, אַז די פאָדערונגען פון די אַמעריקאַנער אידען זיינען אויך זייערע פאָדערונגען, אַז די פאַרטרעטונג פון די אַמעריקאַנער אידען מעבר־לים האָט דאָס מאָראַלישע רעכט צו ריידען אויך אין נאָמען פון די איראָפּעאישע אידען. אפשר וועט אויך מעגלאַך זיין בעת די שלום־אונטערהאַנדלונגען בריינגען צום אויסדרוק אָט די איינפאַרשטענדיגקייט.

---

באַמערקונג. דער גאַנצער מאַטעריאַל וועגען דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס־באַוועגונג איז גענומען פון „יודישע רונדשוי".

פרייז 15 סענט.